אזוי איז עס געווען: וועגען אידישע לעבען אין שטעטעל

פון דר. עזריאל נאקס

The Shtetl Book, by Diane K. Roskies and David G. Roskies. Ktav Publishing House and the Educational Department of the Workmen's Circle. New York, 1975. Paperback, 375 pages.

—1—

ס'איז ניט קיין נייעס, אז דאס שטעטל פארנעמט אן אויבענאן אין אונזער ליטעראטור — פון די קלאסיקערס, פאר'ן חורבן, ביז איצט, נאכ'ן חורבן. מיט'ן אומקום פון די זעקס מיליאן, מיט'ן אונטערגאנג פון דער מזרח־אייראפעאישער תקופה, פון דעם וואס מיר באצייכענען ווי נוסח־אשכנז, איז דער חשק צו פארשטיין וואס דאס שטעטל האט מיט זיך פארגעשטעלט פארשטארקט געווארן אין אמעריקע און אומעטום וואו עס זיינען נאך פאראן אזעלכע וואס שטאמען פון שטעטל און זייערע קינדער און אייניקלעך, פאר וועמען דאס שטעטל איז געשיכטע.

די קינסטלערישע פראזע און די ארבעטען פון די סאציאלאגען דארפען זיך דערגאנצען, אזוי אז מיר זאלען דערשפירען סיי דאס אינעווייניגסטע איכות פון אידיש לעבען אין שטעטל, און סיי די דרויסענדיגע פאקטארן וואס האבן עס באווירקט; דעם ריטעם פון שבת און וואך, דעם כוח וואס האט גורם געווען אז צוויי מאל א טאג זאלען „אלע רע־

זיכער מיט'ן מארגען; פון דער צווייטער זייט, האט דאס שטעטל אויסגעפורעמט פאר זיך אן אייגענעם שטייגער, אין הסכם מיט א גייסטיגער ירושה אין וועלכער זיי האבען דערפילט דעם אטעם פון אייביקייט, און האבן זיך באנוצט מיט אן אייגענעם לשון אויף צו קאנצענטרירען אין אים זייער געזעלשאפטליכע פסיכיק, אזוי אז זיי האבען פארמאגט א „נאציאנאלע אויטאנאמיע", ניט ווי א טובה פון א מלוכה, נאר אזא וואס זיי האבען אליין געשאפן און געשטאלטיקט.

— 2 —

דוד ראסקיס איז א ברודער פון רות ווייס וועלכע האט רעדאקטירט די שטעטל־אנטאלאגיע „די פינף נאוועלאס". ער איז געווען א שותף אין דעם פראצעס פון איבערזעצונג. דאס שטעטל וועדליק עס ווערט געמאלן אין דער ליטעראטור, איז אים בכן ניט פרעמד. און זיין חלק אין דער איבערזעצונג פון די „פינף נאוועלאס" וואלט ניט געווען אזוי שלימותדיק ווען ער וואלט ניט דערבליקט אז אין די ווערטער וואס ער האט געדארפט אריבערטראגען אויף אן אנדער שפראך געפינען זיך די ווערטן פון אידיש לעבען אין שטעטל.

פאר די יינגערע דורות איז דאס שטעטל געשיכטע, אבער פאר דוד ראסקיס איז עס קלאר אז געשיכטע איז ניט בלויז א סכום באגריפן, א חשבון פון דעם וואס איז געשען אין דער פארגאנגענהייט, נאר עפעס וואס איז א דימענסיע פון אונ־

נאמען „דאס שטעטל־בוך" רוקט נאך אוועק ווייטער דאס שטעטל פון אונז און ס'איז טאקע אזוי ווי פארוועלקטע בלעטלעך פון א בלום וואס בלייבן צווישן די טאוולען פון א בוך און וועקן אויף זכרונות. ווען די מחברים בעטן ביי מיר אן עצה האב איך נישט קיין גרייטע תשובה, און דאך אפשר וואלט בעסער געווען: „אט־אזוי איז געווען דאס אידישע לעבן אין שטעטל". מיר דוכט אז ס'איז פאראן אין דעם א פלאטער און א פונק, וואס פעלט אין אזא „אביעקטיוון" נאמען ווי „דאס שטעטל־בוך". דאס איז א קלייניגקייט. און אויב איך בין גערעכט, קען מען עס פאררעכטן אין דער צוקונפט.

דער פלאן פון בוך איז אזא: די מחברים האבן אויסגעקליבן איין שטעטל, טישעוויץ, לובלינער גובערניע, און הגם אין בוך איז דא א פארטרעט פון שטעטל אין אלגעמיין, אן ערך צווישן די יארן 1800 און 1914. זיינען זיי זיך פארט סומך אויף טישעוויץ. עס איז מחמת דעם וואס זייערע לערערס, יעקב זיפער, אליין א טאלאנטירטער דערציילער, און יחיאל שטערן, האבן א סך געדרוקט וועגן טישעוויץ, וואו זייער פאטער איז געווען מורה־הוראה, און האבן דערצו נאך צוגעגעבן אין פערזענלעכע שמועסן באדייטענדיקע פרטים.

די מחברים האבן דאס בוך „ארקעסטרירט" אין ניין קאפיטלען אדער „איינסן", כדי אויף וויפיל ס'איז מעגלעך ניט צו סכעמאטיזירן דאס שטעטל: צום ביישפיל: לעגענדעס וועגן

געווען, און וואס אהן איר וואלטן מיר ניט געווען אט־דאס וואס מיר זיינען.

יעדעס קאפיטל איז אנגעפיקעוועט מיט דעטאליזירטע פאקטן, לעגענדע און געשיכטע, און ס'איז ניטא קיין סתירה מחמת זיי זיינען ניט איזאלירט און אפגעריסן, נאר פלעכטן זיך צונויף אין א טאטאלקייט. דערצו זיינען פאראן אין יעדן קאפיטל טרעפלעכע מעמואריסטישע און בעלעטריסטישע אפקלייבן פון אונדזער ליטעראטור אויף וויפיל זיי אנטפלעקן און באלויכטן דאס לעבן אין שטעטל — מנהגים און טראדיציעס, שמחות און דאגות, חתונות און לוויות, שפיל און ערנסטקייט. אין קורצן: שטייגער און אטמאספערע. אט־די אפקלייבן זיינען אין זיך גופא כמעט א קליינע אנטאלאגיע פון אזעלכע אין דער קינסטלערישער פראזע ווי: מענדעלע, פרץ, שלום עליכם, ש. אנסקי, ח. נ. ביאליק, י. י. זינגער, י. י. טרונק, א. ראבאי, שלמה סיימאן, י. זיפער און נאך. ניט נאר בא'חנ'ען זיי יעדן קאפיטל, נאר זיי פארטיפן און באררייכערן דעם אינהאלט.

„דאס שטעטל־בוך" וועלן לייענען מיט הנאה עלטערן וואס געדענקען דאס שטעטל און די אינגערע דורות וואס זיינען קיינמאל נישט געווען אין שטעטל. די מחברים זענען אונדז מודיע, אז אויך זיי האבן קיינמאל נישט געזען א שטעטל, ווייל זיי זענען געבוירן געווארן אין קאנאדע, און אז זיי וועלן קיינמאל נישט זען קיין שטעטל, מחמת ס'איז שוין מער נישטא

זיין קינדהייט, איידער די עלטערן זיינע האבן אים געבראכט קיין אמעריקע. אויב די מחברים האבן אונז געקענט מזכה זיין מיט אזא בוך וועגן שטעטל, אן „סענטימענטאלקייט" (ווי זיי באווארענען זיך אין זייער הקדמה), און דאך מיט אזויפיל ווארימקייט און אפילו פיעטעט, און אויב דער שרייבער פון די שורות האט אנטדעקט פאר זיך אויף־דאס־ניי דאס שטעטל מיט ליבשאפט און „סענטימענטאלקייט" (ווייל ער שרעקט זיך ניט פאר דעם און שעמט זיך ניט מיט דעם), מעג מען דאך דרינגען, אז עס איז אפשר פארט א בוך פאר די ד א א י ג ע דורות.

— 3 —

מען קען זיך דינגען מיט די מחברים וועגן געוויסע ענינים. ס'איז דאך אבער ניט מעגליך אז די רעדאקטארען אדער די מחברים פון א בוך זאלען אויסגלייכן זייער געשמאק און מבינות מיט אלע וואס וועלן לייענען דאס בוך. ס'איז אבער פאראן איין מאמענט וואס מאנט א פירוש. אויף זייט 188 איז דא דער פאלגענדער זאץ: „עס זיינען געווען אפילו פאלן ווען קהל האט פאר'משפט א אידען צום טויט און מען האט עס מקיים געווען". ביי היסטאריקערס איז דא וועגן דעם זעהר ווייניג, און דאס רוב האט וועגן דעם ספקות. און אויב מען האט יא עמיצען פאר'משפט — א מסור — איז נאך אלץ א שאלה צי מען האט עס דורכגעפירט, צי די מלוכה אדער פריץ וואלט

אט־דער ענדגילטיגער שטראף. מחמת „דאס שטעטל־בוך" איז ווארעם און סימפאטיש צום אידישען לעבען וואס איז געווען, איז אזא מין דערקלערונג — סתם פון דער העלער הויט, אן אנווייזונגען אויף קוואלן — א געפאר, ווייל די וואס וועלן עס לייענען אין אזא ראם וועלן זיין גענייגט צו טראכטען, אז ס'איז טאקע ראיעל.

ס'איז דא נאך א באהויפטונג אויף זייט 86 וואס האט ניט געטארט זיין, אן רעזערוואציעס: „אזוי ווי ס'איז געווען נאענט צו פאסכע, ווען גויים זיינען דערצערנט אויף אידן צוליב דעם וואס זיי האבן געקרייציגט זייער האר, האט דאס בלוט ביי די פויערים אנגעהויבן צו קאכן". עס וואלט געדארפט זיין אז דער כעס פון די גויים שטאמט פון דעם וואס זיי גלויבן און אידען האבן געקרייציגט זייער האר; אדער אז מען האט זיי אזוי איינגערעדט. פארוואס זאל אט־דער בילביל — דער גרויזאמסטער און טראגישסטער ליגען אין דער מענטשליכער געשיכטע — איבערגע׳חזר׳ט ווערן פון אידען ווי עס וואלט טאקע געווען אן אנערקענטער און באשטעטיגטער יש.

דאס זיינען פגמים, געוויס אומגערן און ניט אומישנע. מען דארף זיי אבער אפווישן. און ס'איז אן עוולה מגזם צו זיין געציילטע פארבלאנדזשענישן. פאראן א שפאר ביסעל שיינקייט אין בוך, לויטערער סענטימענט (ניט „סענטימענטאלקייט"), עפיזאדן וואס מוזן אין אונז אנרירן די איידלסטע

פאַרגעשטעלט פאַרשטאַרקט גע־
וואָרען אין אַמעריקע און אומעטום וואו עס זיינען נאָר פאַראַן אַזעלכע וואָס שטאַמען פון שטעטל און זייערע קינדער און אייניקלעך, פאַר וועמען דאָס שטעטל איז געשיכטע.

די קינסטלערישע פּראָזע און די אַרבעטען פון די סאָציאָלאָגען דאַרפען זיך דערגאַנצען, אַזוי אַז מיר זאָלען דערשפּירען סיי דאָס אינעווייניגסטע איכות פון אידיש לעבען אין שטעטל, און סיי די דרויסענדיגע פאַקטאָרן וואָס האָבן עס באַווירקט; דעם ריטעם פון שבת און וואָר, דעם כוח וואָס האָט גורם געווען אַז צוויי מאָל אַ טאָג זאָלען „אַלע רעדער ווערען שטיל", זאָל אַלצדינג אויפהערען כדי מען זאָל צוזאַמען דאַווענען אין שוהל, און צווישען מנחה און מעריב טועם זיין פון אַ פּרק משניות אָדער אַ קאַפּיטעל תהילים. די קינסטלערישע פּראָזע גיט אונז טאַקע ניט קיין ציפערען און טאַבעלעס, גיט אונז ניט דעם לבוש, דאָס אויסערליכע, פון שטעטל, אָבער ס'איז נויטיג פאַר דער פולער פּאַנאָראַמע פון שטעטל.

די סאָציאָלאָגען שטויסען זיך אָן אויף אַן אויסטערלישער פּראָבלעם: ס'איז ניטאָ קיין מאָס און קיין פאָרמולע פאַר'ן שטעטל, קיין באַשטימטע כללים, און ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו פאַרגלייכען דאָס שטעטל. די אייגענאַרטיגקייט פון שטעטל לאָזט זיך ניט אַריינשפּאַרען אין אַ פאָרמולע און לאָזט זיך ניט צופּאַסען צו די געוויינטליכע קריטעריעס. פון איין זייט, איז דאָס שטעטל תמיד געווען אין שאָטען פון אַלערלייאיגע סכנות, פון רעכטלאָזיגקייט ביז פּאָגראָמען, און מען איז ניט געווען

דער ליטעראַטור, איז אים בכן ניט פרעמד. און זיין חלק אין דער איבערזעצונג פון די „פינף נאָוועלאָס" וואָלט ניט געווען אַזוי שלימותדיק ווען ער וואָלט ניט דערבליקט אַז אין די ווערטער וואָס ער האָט געדאַרפט אַריבערטראָגען אויף אַן אַנדער שפּראַך געפינען זיך די ווערטען פון אידיש לעבען אין שטעטל.

פאַר די יינגערע דורות איז דאָס שטעטל געשיכטע, אָבער פאַר דוד ראָסקיס איז עס קלאָר אַז געשיכטע איז ניט בלויז אַ סכום באַגריפען, אַ חשבון פון דעם וואָס איז געשען אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר עפּעס וואָס איז אַ דימענסיע פון אונדזער היינט, וואָס מיר מוזען אַריינזאַפּן אין זיך, און ערשט דעמאָלט איז עס אמתע געשיכטע. האָט ער זיך באַמיט, צוזאַמען מיט דייען ראָסקיס — (מסתמא זיין פרוי), צו קאָמבינירן קינסטלערישע פּראָזע מיט „וויסענשאַפטלעכער" פּראָזע, אויפצוכאַפּען דעם ניגון פון שטעטל, און ניט פאַרקוקט די נאָטן, פון דעם ניגון. פאַראַן אין דעם בוך ציפערן, טאַבעלעס, ממשותדיקע אינפאָרמאַציע, אָבער זייער ראָלע אין דער „אַרכיטעקטור" פון דעם ווערק איז ענלעך צו דער פונקציע פון פּונקטואַציע אין אַ זאַץ. די פּעולה דערפון איז סדר און המשכדיקייט, גוף און נשמה באַהעפטן זיך.

ווען איך זאָל זיך וועלן קריגן מיט די מחברים, וואָלט עס געווען אין שייכות מיט'ן נאָמען פון זייער ווערק „דאָס שטעטל־בוך". נו, אַוודאי איז עס אַ בוך, און מען טאָר זיך ניט טרייסטן מיט אילוזיעס: דאָס שטעטל איז מער ניטאָ און וועט ניט זיין. אָבער דער

צווישן די יאָרן 1800 און 1914. זיינען זיי זיך פאָרט סומך אויף טישעוויץ. עס איז מחמת דעם וואָס זייערע לערערס, יעקב זיפּער, אַליין אַ טאַלאַנטירטער דערציילער, און יחיאל שטערן, האָבען אַ סך געדרוקט וועגען טישעוויץ, וואו זייער פאָטער איז געווען מורה־הוראה, און האָבן דערצו נאָך צוגעגעבן אין פּערזענלעכע שמועסן באַדייטענדיקע פּרטים.

די מחברים האָבען דאָס בוך „אָרקעסטרירט" אין ניין קאַפּיטלען אָדער „איינסן", כדי אויף וויפיל ס'איז מעגלעך ניט צו סכעמאַטיזירן דאָס שטעטל: צום ביישפּיל: לעגענדעס וועגן דעם ווי אַזוי אידן זיינען געקומען קיין פּוילן, די געאָגראַפיע פון אידיש, קינדער אין שטעטל, שול און בית־מדרש, דאָס שטעטל איז אַוועק, און אַזוי ווייטער. פאַראַן וואָסערע הונדערט אידישע אויסדרוקן אין בוך, און צום סוף איז דאָ אַ גלאָסאַר וואָס פאַרטייטשט זיי, און די טראַנסקריפּציע איז ניט קיין הפקר׳דיקע, נאָר אַ ציכטיק ־ ריכטיקע. פאַראַן דאָ אויך עטלעכע צענדליק מאַפּעס און בילדער, וואָס זיינען קודם אינפאָרמאַטיוו, און אַזוי־אַרום ווערען די ווערטער וואָס מיר לייענען פאַרוואַנדלט אין פּנימער, אין מענטשן מיט אַ קנייטש אין שטערן אָדער אַ שמייכל אָדער אַן אומעט וואָס באַצירט די פּנימער. און עס זיינען אויך פאַראַן ערטער און זאַכן — אַ חדר, אַ היים, אַ בית־מדרש, אַ וואַרשטאַט — און אין גאַנצן ציטערט עפּעס אויף און דאָס בוך גליטשט זיך אַרויס פון האַנט, און עס ווילט זיך אַרויסשעפּטשען אַ תפילה, קדיש זאָגן נאָך אַ וועלט וואָס איז

ביאַליק, י. י. זינגער, י. י. טרונק, א. ראַבאַי, שלמה סיימאָן, י. זיפּער און נאָך. ניט נאָר באַ׳חנ׳ען זיי יעדן קאַפּיטל, נאָר זיי פאַרטיפען און באַרייכערן דעם אינהאַלט.

„דאָס שטעטל־בוך" וועלען לייענען מיט הנאה עלטערן וואָס געדענקען דאָס שטעטל און די יינגערע דורות וואָס זיינען קיינמאָל נישט געווען אין שטעטל. די מחברים זענען אונדז מודיע, אַז אויך זיי האָבען קיינמאָל נישט געזען אַ שטעטל, ווייל זיי זענען געבוירן געוואָרן אין קאַנאַדע, און אַז זיי וועלען קיינמאָל נישט זען קיין שטעטל, מחמת ס'איז שוין מער נישטאָ קיין שטעטל. און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט יאָ געזען דאָס שטעטל, אָבער בלויז אין די ערשטע אַכט יאָר פון

מחברים פון אַ בוך זאָלען אויסגלייכן זייער געשמאַק און מבינות מיט אַלע וואָס וועלען לייענען דאָס בוך. ס'איז אָבער פאַראַן איין מאָמענט וואָס מאָנט אַ פּירוש. אויף זייט 188 איז דאָ דער פאָלגענדער זאַץ: „עס זיינען געווען אפילו פאַלען ווען קהל האָט פאַר׳משפּט אַ אידען צום טויט און מען האָט עס מקיים געווען". ביי היסטאָריקערס איז דאָ וועגן דעם זעהר ווייניג, און דאָס רוב האָט וועגן דעם ספקות. און אויב מען האָט יאָ עמיצען פאַר׳משפּט — אַ מסור — איז נאָך אַלץ אַ שאלה צי מען האָט עס דורכגעפירט, צי די מלוכה אָדער פריץ וואָלט עס דערלויבט. די הלכה וועגען פאַר׳משפּט׳ן צום טויט (מסכתא סנהדרין) איז אַזאַ האַרבע, אַז ס'איז איז תוך אַן אַנולירונג פון

בילבול — דער גרויזאַמסטער און טראַגישסטער ליגען אין דער מענטשליכער געשיכטע — איבערגע׳חזר׳ט ווערן פון אידען ווי עס וואָלט טאַקע געווען אַן אַנערקענטער און באַשטעטיגטער יש.

דאָס זיינען פּגמים, געוויס אומגערן און ניט אומישנע. מען דאַרף זיי אָבער אָפּווישען. און ס'איז אַן עוולה מגזם צו זיין געציילטע פאַרבלאָנדזשענישן. פאַראַן אַ שפּאַר ביסעל שיינקייט אין בוך, לויטערער סענטימענט (ניט „סענטימענטאַלקייט"), עפּיזאָדען וואָס מוזען אין אונז אָנרירען די איידעלסטע סטרונעס און אָנרעגן אַ געפיל פון פאַרערונג. למשל: דער סאָציאַליסטישער „בונד" אָרגאַניזירט אַ סטרייק און די אַרבעטער שווערן ביי טלית און תפילין, אַז זיי וועלען זיך ניט בייגן ביז׳ן נצחון. אָדער, אַרבעטער וואָס פאַרזאַמלען זיך אין משך פון אַ סטרייק אין בית־מדרש אָן שום שטערונגען. ס'איז אַ בוך וואָס די עלטערע און יינגערע דורות דאַרפן לייענען אין זייערע היימען מיט אַ שמייכל אויפ׳ן פּנים און מיט אַ טרער אין אויג, על כולם מיט שטאָלץ וואָס אַזוי איז געווען דער שטייגער און די הנהגה פון זייערע באָבעס און זיידעס אין שטעטל, און וואָס אויך אין זיי איז דאָ אַן אָפּקלאַנג פון דעם ניגון פון שטעטל, אַז ניט וואָלטן די מחברים וואָס זיינען דאָ געבאָרען געוואָרען, אונז ניט געקענט שענקען אַ מתנה אַזאַ בוך, און דער שרייבער פון די שורות, וואָס איז דאָ דערצויגען געוואָרן, וואָלט עס ניט געקענט רעצענזירען.

• ליטעראַרישע נאָטיצן •

„אונדזער אייגן וואָרט" נומער 46 דערשינען

דער נומער איז געווידמעט דעם אָנדענק פון משה שטאַרקמאַן, ע״ה. חוץ זיין אייגענעם עסיי, זענען וועגן אים פאַראַן אַרטיקלען פון דב סדן, שמשון דונסקי, אברהם גאָלאָמב, רחל קאָרן און רבקה קאָפּע. אַ ריי מיטגעפיל־אויסדרוקען קומען אַריין פון אָנגעזעהענע אידישע שרייבער, פאָרשטעהער פון וויכטיגע אידישע אָרגאַניזאַציעס און יחידים.

אַן אָנמערקונג פון „קעטעדער אַדלער" וועגן טאָלסטאָי; ל. נ. טאָלסטאָי וועגן אידען; חיים גראַדע, וואָלף שניידער, מ. מ. שאַפּיר, מ. חסיד, ברכה קורדלי, פּ. סאַנדלער, נ. סיגאַלאָווסקי, איש יאיר, מאיר זימל טקאַטש, שמעון וואַרזעק, הינדע זאַרעצקי, נחמן ליעווענטאַל, העניעד סטיין, יעקב גאָרעליק, וואָלף אַרצט, וויערא ראָזאַנקאַ, ל. טורעצקי, דוד כרמל, אלתר חיים שרייער, בן צבי און הלוי.

נאָך אינפאָרמאַציע זיך ווענדן צו:

"UNDZER AYGN VORT"
M. Siegalovsky, Editor
34-50—24th Street
Long Island City, N.Y. 11106
Phone: 392-1728